

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 775
זמנים: עש"ק 7:02 – מוצש"ק 8:30

פרשת פקודי - שבת החודש - שבת מבה"ח ניסן
עש"ק כ"ח אדר שנת תשפ"ד לפ"ק



## פסח מעשיות פארציילט לכבוד יו"ט!
### קינדערגארטן – פרי קינדערגארטן

**די וואך** הערן מיר א צווייטע מעשה וואס מען האט פארציילט לכבוד פסח זייער שיין, די באקאנטע מעשה מיטן **פריץ און זיין מאנקי**, מיר האבן דאס געהערט סיי אין חדר, און סיי אין לאנטש רום.

**אין די כיתות** האבן אונזער'ע רבי'ס געהאלטן זייער געשפאנט מיט די פארציילונגען פון דעם יו"ט פסח. מיר האבן דאס זייער שיין מיטגעהאלטן.

**אויך אין לאנטש רום** האבן מיר זיך צוגעהערט זייער שיין און מיטגעהאלטן מיט אסאך אינטערסאנטקייט צו **די מעשה פון "דעם פריץ און זיין מאנקי"** ווי עס איז זייער שיין ארויסגעלייגט געווארן, ווי אזוי עס איז אמאל געווען א פריץ, וואס ער האט פארדינגען א קרעטשמע פאר א איד וואס הייסט ר' משה, איינמאל האט דער פריץ געפרעגט דעם איד רבי משה (ווי ער רופט אים מאשקא) ווער געבט דיר אלעמאל געלט ? **האט דער איד גע'ענטפערט: געלויבט צום הייליגן באשעפער וואס גיבט מיר אלעס וואס איך דארף, וויפיל איך דארף, ווען איך דארף**, און דער פריץ איז געווארן זייער אויפגערעגט, ער האט געשריגן **וואס??**? דער פריץ שפארט אפ דעם קרעטשמע און ווארפט ארויס ר' מאשקע.. האט רבי משה געבעטן דעם הייליגן באשעפער ער זאל איהם ווייטער געבן געלט אזוי ווי ביז יעצט.

**איינמאל** ביים פריץ אין פאלאץ זיצט דער פריץ און ציילט זיין געלט און זיין מאנקי האט געזעהן ווי דער פריץ ציילט דאס געלט און לייגט עס ביי זיין מויל צו קלאפן אויף די ציינער, ווייל ער וויסן צו ס'איז עכטע געלט. **אבער די מאנקי האט געמיינט** אז עס איז א פיינע עסן וואס דער פריץ עסט, און ווען דער פריץ איז געשלאפן איז די מאנקי צוגעגאנגען צו די שיינע קעסטל מיט די געלט און אנגעהויבן צו עסן געלט גאר אסאך ביז די מאנקי פאלט אראפ אויפן פלאר א טויטע מאנקי.

**דער פריץ** שטייט אויף און רופט די מאנקי ער שרייט: **מאנקי... מאנקי...** אבער קיינער ענטפערט נישט ווייל ס'איז א טויטע מאנקי...

**האט דער פריץ** געהייסן מען זאל די מאנקי ארייןווארפן אין דעם איד'ס הויז ביי מאשקע! און ווען דער איד ר' משה האט געהערט א האק אין דעם פענסטער, קוקט ער אריין און זעהט דארט דעם טויטן מאנקי, ער הייבט דאס אן ארויס צו קערן מיט א בעזעם אבער ער זעהט דארט איז אויך דא זייער אסאך גאלדענע געלט. **ר' משה שרייט אויס הויעך געלויבט צום הייליגן באשעפער ווייל דער אויבערשטער האט אים געשיקט אסאך געלט און ער האט געקויפט מיט די געלט אלע זאכן אויף פסח געלט.**

**פסח ביינאכט** איז דער פריץ געגאנגען ביי דעם ר' משה'ס פענסטער האט ער געזעהן אז ער האט אלע גוטע זאכן לכבוד יו"ט, דער פריץ קלאפט אריין צו ר' מאשקא און **פרעגט אים פון ווי האסטו געהאט געלט פאר יו"ט ?? און ר' מאשקע פארציילט אים פון די מאנקי...** האט שוין דער פריץ יעצט געזאגט, יא איך זעה דער הייליגער באשעפער געבט אלעמאל די געלט.

די מעשה איז געלערנט געווארן מיט אלע קינדער מיטן ווייזן די בילדער, אלע קינדער טראגן אהיים א ספעציעלע מעשה ביכל מיט די בילדער פון די מעשה, אדרבה הערטס אויס אייער קינד מיט די בילדער און שעפטס נחת.

**אי"ה קומעדיגע וואך וואט מען פארציילן נאך מעשיות וואס האבן א שייכות צום הייליגן יו"ט פסח. אדרבה!** עס וועט זיין אי"ה א נחת צו הערן פון די קינדער ווי זיי פארציילן אלע ענינים פון יו"ט. די גרינגסטע וועג צו הערן פון די קינדער, מיטן ווייזן פאר די קינדער די פלעי בילדער וועלן זיי דאס שיין איבער דערציילן מיט א נחת.

### ווינקל אינהאלט

- **פסח מעשיות פארציילט.**
- די 3 סגולה מעשיות פאר שבת מבה"ח ניסן.
- **פארציילט פון די סדרה. די ניסים אין משכן.**
- דער יום טוב פסח אין די לופטן.
- **גראם פון די וואך - ווערטער באגריפן.**
- הכנות און די לימודים לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח.
- **סדרה לימודים מעלדונג.**
- בדיקת חמץ חדר מעלדונג.
- **א ווארימער ניגון.**
- זייט פארזיכטיג מיט אחריות.
- **עס וואקסט און בליהט.**
- די הגדות ארבייט, אי"ה קומענדיגע וואך!
- **די א"ב חזרה פון כ-ע ב"ה.**
- די מיטוואך פלעי "פרנסה פון הימל."
- **פרישטאג מעשה פארענדיגט.**
- וואס הערט זיך ביי די נוירסערי כיתות.
- **ערב פסח אין חדר "סי-די" צובאקומען.**
- חכמה'לעך פון קינדער.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער.**
- ספעציעלע ווענדונג וועגן מלבושים פון הנהלה רוחני.
- **מזל טוב וואונטשן.**

**נייעס ליין און שער הנגינה !**
**718-407-7460 # 1/5/6**

## שבת מברכים חודש ניסן

דער מולד וועט זיין שבת צופרי 46 מינוט מיט 1 חלק נאך 7,(ווינטער זייגער) **ראש חודש איז זונטאג פ' ויקרא,**

# מנהג ישראל !

**די וואך שיקט מען אהיים** מיט די קינדער די 3 מעשיות וואס **דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע** פלעגט צו דערציילן **שבת החודש** (שבת מברכים ניסן) די מעשיות זענען מסוגל משפיע צו זיין פאר אידן אויף צרכי פסח בהרחבה.

**די דריי מעשיות לערנען** מיר מיט די קינדער אין די יעצטיגע וואכן ביז פסח, ווי עס ווערט שוין אראפ געלייגט און אויפגעשפילט מיט א געשמאק סיי אין די כיתות דורך די מלמדים און סיי אין לאנטש רום, מיט אסאך אינטערסאנטקייטן.

**א מעשה** דערהערן קינדער מיט א שטארקן געשמאק און זיי וועלן זיכער הנאה האבן דאס מיט צו טיילן מיט די עלטערן אינדערהיים דאס ווערט געלערנט מיטן וויזן די בילדער, א שיינע ביכל ספעציעל פון די מעשה פון די וואך מיט דער פריץ און זיין מאנקי די קינדער טראגן דאס אהיים לכבוד שבת החודש. אדרבה הערטס אייער קינד מיט די בילדער און שעפטס נחת.

**אי"ה** קומעדיגע וואך וואט מען פארציילן נאך מעשיות וואס האבן א שייכות צום **הייליגן יו"ט פסח.**

## פארציילט פון די סדרה – עניני מוצאי שבת קודש – און שבת החודש

**די וואך פ' פקודי,** האט מען געלערנט מיט די קינדער די נסים וואס זענען געווען אין משכן, אז **ביי די לחם הפנים** איז געווען די נס אז די ברויט איז געווען פיין און פריש, א גאנצע וואך אויפן טיש. **ביי די מנורה** איז געווען די נס אז איין לעכטעלע האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן, אויך די נס וואס איז געווען **ביי די רויך פון די מזבח** אז די ווינט האט עס קיינמאל נישט אוועק געבלאזן, און אז די רעגן האט נישט אויסגעלאשן **די פייער פון די מזבח** און אויך די נס וואס איז געווען מיט **די ארון** אז עס האט זיך אליינס געטראגן (דער ארון האט געטראגן די מענטשן)

**אויך האט מען** צוזאמנעמען אלע סדרות, מיט א ניגון, ווייל **ביים ליינען שבת אין שוהל זאגט מען - חזק - חזק - ונתחזק.**

**און ספעציעל** האט מען געלערנט די **עניני מוצאי שבת קודש**, פון **הבדלה, בשמים, בורא מאורי האש,** (געוויזן פאר די קינדער וויאזוי מען פירט זיך צו מאכן ביים פייער מיט די הענט) **מלוה מלכה, סעודתא דדוד המלך,** ווייל השי"ת האט אים געזאגט אז ער וועט נפטר ווערן בשבת. און ווען עס איז געקומען מוצש"ק און געזעהן אז ער לעבט האט ער געמאכט א סעודת הודאה, אויך אז עס איז א גרויסע זאך צו עסן אדער טרינקען ווארעמס מוצש"ק **"חמין במוצש"ק מלוגמא פירש רש"י לרפואה".**

**און אויך** האט מען געלערנט אז די וואך שבת הייסט **שבת החודש, 2 ספרי תורות (2 קוגלען)** - נייע לבנה, קידוש לבנה. **פאר קינדערגארטן כיתות:** שיין פארציילט פון די 12 חדשים און די יו"ט פון יעדן חודש, מיט די בילדער, און געזינגען די נעמען פון די חדשים מיט א **ניגון** (דאס איז זייער א וויכטיגע ידיעה צו די הבנה פון די קינדער ).

## דער יום טוב פסח אין די לופט!

**מיר שטייען** שוין יעצט ב"ה נאנט צו דעם הייליגן גרויסן יו"ט פסח. ווי עס איז באקאנט פון אלע ספרים, זענען די לימודים פון סיפור יציאת מצרים און די ענינים ומנהגים פון די פסח טעג **א יסוד פון אמונה אין אידישקייט.** טאקע פון די יונגע קינדער אנגעהויבן. ווי מען זאגט אין די הגדה: **ושאינו יודע לשאול את פתח לו.** איז כדאי, אז די קינדער זאלן שטארק מיט לעבן מיטן יו"ט, האבן שוין די מלמדים אנגעהויבן מיט א שטארקע איבערגעגעבענהייט, מיט די אלע לימודים, און אידישע מנהגים, די ניגונים, כדי גוט אנצוגרייטן די קינדער, אז ווען עס וועט קומען **די געהויבענע מאמענטן, די ליכטיגע שטראלן, אין א יעדע אידישע שטוב** זאלן די קינדער זיין א חלק פון די ליכטיגקייט אין דעם יו"ט מיט זייערע ידיעות און מיט זייערע באקאנטשאפט איבער אלע דעטאלן פונעם יו"ט.

**פארשטייט זיך** אז יעדעס קינד לערנט לויט זיין יארגאנג וויפיל ער קען פארנעמען. די איבערגעגעבענע מלמדים פראבירן מיט אלע כוחות איינצופלאנצן אין די יונגע הערצער דעם געפיהל צום הייליגן יום טוב מיט א שמחה און דערהויבנקייט, די ליבשאפט צו א מצוה מיט א ווארימקייט און אלע צוגעהערן. השי"ת זאל אונז ווייטער און באגלייטן שטענדיג מיט סייעתא דשמיא.

**די סימני הסדר** א ספעציעלן דגוש איז דא, אז ס'זאל זיין מיטן ארגינעלן נוסח פון דורי דורות אן קיין שום שינוי, **די מה נשתנה** מיטן זיסן ניגון הערט זיך שוין ארויס פון די קלאסן מיט א געשמאק, שיינע ניגונים אויף אידיש פון די געהויבענע ענינים ווערן געזינגען אין יעדע כיתה לויט זיין יארגאנג.

**די ווענט זענען הערליך באצירט** מיט צענדליגע בילדער פונעם יו"ט סיי אין די האלל'ס און סיי אין יעדע קלאס באזונדער. די ענינים פון אויפצוראימען און אכטונג געבן אויף א ברעקעלע חמץ. און די הכנות צום לעכטיגן יו"ט ווי באקן מצות וכדו'.

**עס איז אסאך מאל צום באוואונדערן** ווי קינדער שטייען א לענגערע צייט ביי די ווענט פון די בילדער. און באטראכטן א יעדע זאך וואס זייער רבי האט שוין געלערנט. און וואס נישט, עס זעהט אויס ממש ווי די ווענט רעדן צו די קינדער.

## גראם פון די וואך פ' פקודי

**די ברויט איז געווען פיין און פריש, א גאנצע וואך אויפן טיש**

**<u>מעשה גראם פון די מאנקי:</u>**

**דער פריץ שרייט צו מאשקע ארויס פון דעם קרעטשמע סטאר,**

**די קענסט מער דא נישט קומען, נאָ מאָר.**

**ביי א גוי איז די עיקר, אז ער קען זיין א שיכור.**

**דער פריץ הייסט דעם באדינער זיך יאגן, די טויטע מאנקי צום מאשקע טראגן.**

**דער פריץ ציילט זיין געלט, און זאגט איך האב די מערסטע פון די וועלט**

## קינדערגארטן

**מיר ווערן באררייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערהערט זייער שיין.**

### ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן

- קרעטשמע - ווין סטאר
- א פריץ - מען באצאלט פאר די ארענדא

# גרויסע הכנות אין חדר מיט די לימודים לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח!

**מיט לויב און דאנק צום הייליגן באשעפער** האט מען שוין די וואך אנגעהויבן צו לערנען און טוהן אלע ענינים פון פסח, מיר האבן מסדר געווען די לימודים פאר די מלמדים און די קינדער, כדי צו זיין קלאר ווי אזוי דאס צו איבערצוגעבן פאר די קינדער אלע ענינים פון יו"ט פסח, אין די קומענדיגע 1 ½ וואכן ביז פסח, און ווי פארשטענדליך דארף דער יו"ט פסח האבן גוטע 2 ½ וואכן פאר די **לימודים**, די **סימנים** און די **קשיות**, מיט די **ניגונים**. דעריבער האט מען שוין די וואך אנגעהויבן בעזהשי"ת די לימודים צוביסלעך קודם מיט די ניגונים, די סימנים, מיר האבן **ארויס געהאנגען די בילדער פון דעם הייליגן יו"ט פסח** אזוי ארום אריין ברענגען דעם לופט פון פסח מיט א געשמאק.

**ווי עס פארשטייט זיך** פאר א יו"ט טוט מען זיך שטארק פארלייגן אנצוגרייטן דעם קינד מיט א ווארימקייט צו א יו"ט און ספעציעל די ניגוני קודש, ווי מען לייגט אריין גרויסע כוחות דערין דאס רעדט צו א קינד, און דאס קען גיין נאר אז אין חדר זינגט מען דאס גוט, עס זעהט דאך אויס אינגאנצן אנדערש די יו"ט'דיגע סעודות ווען ביי די סעודות זינגט דאס קינד מיט א געשמאק.. דעריבער גייט מען איבער כסדר אין יעדע כיתה די ניגונים מיט די סימנים די קשיות מיט די מעשיות אויף פסח, און כסדר טוט מען דאס מיטזינגען מיט די קינדער...

<u>**חודש ניסן**</u> איז צוטיילט אין דריי חלקים מיט עקסטרע ביכל'עך, 1) **עניני הכנה לפסח חלק א',** די ענינים פון רוימען אויף פסח. דער מצוה פון בל יראה ובל ימצא.– ווייזן לערנען, און מען טוט קאלערן אין דעם ביכל. דאס ברענגען די קינדער ב"ה אהיים אויף די וואך פ' <u>פקודי</u>. 2) די **עניני הכנה לפסח חלק ב'** די מצוה פון בדיקת ושריפת חמץ מיט די צרכי החג ואפיית המצות וכו' דאס וועט מען לערנען בעז"ה קומענדיגע וואך פ' ויקרא און וועט אי"ה אהיים גיין אויף שבת. 3) **די פסח זאכן, די הגדה, סימנים, די קשיות, די ניגונים, דאס לערנט מען די גאנצע צייט און וועט אהיים גיין מיטן ביכל סיפור יציאת מצרים.** - דאס וועט אהיים גיין אלעס צוזאמען אי"ה מיטוואך פ' <u>צו שבת הגדול שבת ערב פסח</u>.

**די שיינע הגדה:** מיר האבן צוגעשטעלט אינגאנצן א נייע סארט הגדה א הערליכע ארבייט א פראכט פון א הגדה ב"ה וואס וועט געזעהן ווערן מיט גרויס אינטערעסע אין א יעדע שטוב, (עס האט געהאט ב"ה א גרויסן אפקלאנג.) **מיר האבן פאריאר איבערגעדריקט די הגדות מיט שינויים וחידושים לטובה ותפארתה ב"ה..**

**די מלמדים גייען אדורך לערנען און ווייזן פאר די קינדער דעם אינהאלט פון א יעדן צעטל אין די הגדה,** כדי אז די קינדער זאלן רעדן און אנווייזן ביי יעדע זאך וואס ער זעהט און ווייסט צו פארציילן, מיט א קלארקייט וואס ער האט געהערט און געלערנט, דאס איז אויסער די ספעציעלע שיינע קאלירטע פאוסטער'ס פון די הגדה בילדער וואס איז אויפגעהאנגען אויפן וואנט, ווי מען טוט דאס ווייזן פאר די קינדער. **אויך האט א יעדע מלמד ביי זיך אויפן טיש א סעמפל פון די הגדה וואס ער טוט ווייזן פאר די קינדער ווי אזוי מ'טוט די ארבייט אין די הגדה..** אויך מאכט יעדער מלמד א סעמפל פון איין הגדה **אין געגענווארט פון די קינדער** וואס און וויאזוי מ'טוט. די נחת פון די תלמידים און פון די עלטערן איז ברוך השם אומבאשרייבליך.

איבעריג צו זאגן אז די הגדות טוט מען מאכן אויף א פלעסטיג אדער טישטעך פאר יעדן קינד **אינגאנצן ריין פון חמץ,** און מען טוט דאס אוועק לייגן ווען מ'ענדיגט.

**מיר בעטן** דעם הייליגן באשעפער זאל אונז ווייטער באגלייטן מיט סייעתא דשמיא אין די הייליגע ארבייט און אלע אידן זאלן האבן א לעכטיגן תמיד און א כשר'ן פסח. אמן

## סדרה לימוד מעלדונג!

חשוב'ע עלטערן שיחיו

די לימודים פון יו"ט איז אין די וואכן ביז פסח די עיקר. די מלמדים שליט"א געבן זיך מער אפ צו צוגרייטן די קינדער'לעך אויף דעם קומענדיגן יום טוב פסח הבעל"ט, דערפאר וועלן אין די קומענדיגע וואכן די לימודים פון די סדרה זיין וויניגער.

מיט שעצונג: המנהל

## א ווארימע ניגון

**די וואך** האבן מיר שוין אנגעהויבן זינגען **לכבוד חודש ניסן** דעם באקאנטן ניגון **"ווען עס קומט חודש ניסן"** מ'האט גרעדט צו די קינדער איבער דעם קרבן פסח און שיין געזינגען מיט זיי דעם ווארימען ניגון. די קינדער וועלן דאס אי"ה קענען שיין זינגען די קומענדיגע וואכן. אזוי אויך פילע שיינע הארציגע פסח ניגונים.

## <u>בשורה טובה</u>

מיר ווילן מעלדן די חשוב'ע עלטערן שיחיו אז אויך דאס יאר וועט זיין א ספעציעלע חדר פאר **"דאנערשטאג"** דער טאג פון **"בדיקת חמץ"**. די קינדער וועלן אי"ה האבן א הערליכע פראגראם און זיי וועלן אי"ה שיין פארברענגען, עס וועט זיין א העכסט אינטערעסאנטע פראגראם פיינע געשמאקע פרישטאג און מיטאג צו עסן, שיינע מעשיות, גוטע אונטערהאלטונגען און נאך...

עס וועט זיין א עקסטרע מעלדונג איבער די פרטים פונעם **"בדיקת חמץ" חדר פראגראם,** די זמנים און פרייז. בברכת חג כשר ושמח.

# די מעשה "די מאנקי מיטן פריץ ביי מאשקע" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (1)





ביי דעם מאשקע אין די קרעטשמע　　אלע פיינע געטראנקען　　מען שטייט גרייט צו העלפן א יעדן　　די שיכורים טרינקען






טאנצן ווי שיכורים　　די פאליסן קומען אן　　זיי מאכן שמוץ אין די קרעטשמע


ברוך הבא דער פריץ איז שוין דא


ר' מאשקע געט פארן פריץ א פיינעם טרינק


דער פריץ פרעגט: מאשקע ווער געט דיר דא געלט???


ר' משה זאגט אלעס איז פון הייליגן באשעפער!!!


דער פריץ באדעגט וואס!! ווער!!! ????


אלעס איז מיינס　　גיי ארויס פון דא　　באדינער ווארפט'ס אים ארויס


דער פריץ נעמט זיך פיינע וויינען....


דער פריץ אין זיין פאלאץ מיט זיין מאנקי


דער פריץ גייט ציילן זיין געלט

# די מעשה ״די מאנקי מיטן פריץ ביי מאשקע״ אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (2)



דער מאנקי באדינט דעם פריץ און מאכט אונז פיין פריילך



דער פריץ ציילט זיין געלט דער מאנקי קוקט זיך גוט צו....



דער פריץ גייט שוין שלאפן



דער מאנקי מאכט אונז פריילך



דער מאנקי נעמט זיך צו די ארבייט



ער עסט פיין אלע געלט



דער מאנקי פאלט.....



דער פריץ שטייט אויף



דער פריץ זוכט און שדייט איבעראל מאנקי מאנקי דער פריץ הייסט פאר די באדינער אריין ווארפן דעם מאנקי צו מאשקע'ס הויז.... ששש די קינדער שלאפן...

# די מעשה "די מאנקי מיטן פריץ ביי מאשקע" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (3)



אינמיטן נאכט פאאאא א קראך אדיין און פענסטער וואס איז דא געשעהן



אה ב"ה אסאך געלט...



א שיינעם סדר    די מצה זעהט א יעדער



די מאמע צינדט די לעכט



אלע קינדער מיט הגדה און א מצה טאש



די בחור שטעלט זיך אוועק זאגן קדש...



אויך די אינגל זאגט אזוי שיין קדש...



אלע קינדער מיטן בעכער אין די האנט



די טאטע הייבט אן סברי מרנן מאכט קידוש



אלע קינדער האבן פסח א בעכער



ורחץ... מ'זאגט נישט די ברכה על נטילת...



דער פריץ מיט די באדינער זענען דא



ר' משה זאגט אלעס גוט מיר דער באשעפער......



כרפס  מען נעמט א שטיקעלע....



יחץ.... מ'צוטיילט די מיטעלסטע מצה...

## מעסעדש פון מנהל - "זייט פארזיכטיג מיט אחריות"

**זונטאג** דארפן די קינדער עסן פרישטאג אינדערהיים. אבער אויב מאכט זיך סיי ווען אימער אז איר שיקט מיט אייער קינד א ברויט, מאכט זיכער דאס זאל חלילה נישט זיין קיין **"פינאט באדער" – "טשיז" – אדער "פוטער"** סיי וועלעכער מילכיגס. וויל דערמיט שטעלט איר אריין א צווייטן קינד אין א "סכנה ממש". פארן באס רבי איז נישט מעגליך אכט צו געבן אויף אזא ברויט. דעריבער נעמט מען דאס תיכף אוועק פונעם קינד. אז איר ווילט אז דאס קינד זאל עסן ביטע שיקט אים נישט מיט אזא ברויט.

**וויכטיג: אין פאל** אז א קינד האט נישט געגעסן אינדערהיים זאל מען דאס לאזן וויסן פארן מלמד, אזוי וועט מען מאכן זיכער אז דאס קינד זאל עפעס עסן.

**עס איז זייער וויכטיג** צו דערמאנען אז אין די טעג פאר פסח ווען מענטשן זענען פארנומען, זאל מען **נישט שיקן אפנעמען אדער ארויף לייגן א קינד צום באס מיט א קינד, נאר דווקא אן ערוואקסענער מענטש.** עס האט זיך שוין עטליכע פעלער ארויס געשטעלט ממש צו א סכנה ר"ל. און אוודאי נישט אויפהאלטן דעם באס, עס איז נישט גערעכט אז א צווייטער זאל דארפן ווארטן לענגער אויפן באס. געדענקטס! א יעדעם'ס צייט איז טייער...

## עס וואקסט און עס בליהט ב"ה!

**די וואך** איז געקומען די צייט צו מאכן נאך פלאץ אין די נויסערי כיתות צוליב דעם וואס נאך **נייע קינדער ווארטן שוין אריין צו קומען אין חדר** יעצט בעפאר פסח, האט מען ארויסגענומען רוב פון די עלטערע קינדער וואס האבן שוין באקומען פיאות אין די חדשים **פון טבת - שבט,** פאר די קינדער איז שוין דער יונגערע נויסערי חדר אביסל אויסגעוואקסן וויל דאס איז געאייגענט ספעציעל פאר נייע קינדער וואס הייבן אן צו גיין אין חדר.

**די קינדער זענען ב"ה יעצט אריין צו א "פרי קינדערגארטן" חדר ווי זיי וועלן דארט זיין ביז די ענדע פון יאר נאך סוכות תשפ"ו בעז"ה.**

**אין די "פרי קינדערגארטן" חדר** וועט מען צוביסלעך לערנען מער און טוהן מיט זיי מער לויט זייער פארשטאנד, זייערע קעפלעך פארנעמען שוין ב"ה מער, סיי ביים לערנען סיי ביים טון א יעדע זאך. דעריבער איז דאס פאר די קינדער א געוואלדיגע שמחה זיי נעמען דאס אויף ב"ה זייער גוט מען ווערט שוין גרעסער. פארשטייט זיך אז מען דארף געבן א געלעגענהייט כאטש איין וואך ביז די קינדער וועלן זיך צוגעוואוינען צום נייעם חדר, צו זייער נייער רבי. און צום נייעם לאנטש רום.

**מיר זענען זיכער** אז די עלטערן וועלן זיך איבערצייגן גאנץ שנעל די תועלת דערפון און זעהן די מעלות ווען די קינדער פארברענגען שוין מיט אביסל עלטערע קינדער. די קינדער האבן געוועלדיך שטארק הנאה פון דעם טויש, שפירענדיג איך בין שוין גרעסער איך גיי שוין אין א גרעסערע חדר ווי ביז יעצט.... דער בוכ"ע זאל אונז שטענדיג העלפן און באגלייטן מיט הצלחה וסייעתא דשמיא **להגדיל תורה ולהאדירה.**

## די הגדות ארבייט, אי"ה קומענדיגע וואך!

**דאס גאנצע חדר** וועט איינגעהילט ווערן מיט א גרויסע שמחה ווען די הגדות קומען אריין! קינדער שטייען שוין געשפאנט אט אט וועלן מיר מישן די הערליכע בלעטער מיט די אויג פארכאפענדע בילדער ווי יעדע זאך פון דעם גרויסן יו"ט איז אזוי שיין אראפ געמאלן.. אויף א יעדן בלעטל וועלן מיר עפעס טון מיט א געשמאק.

**ספעציעלע בקשה!** אזוי ווי די קינדער וועלן אי"ה אנהייבן צו מאכן די הגדות בשעטו"מ די קומענדיגע וואך, בעטן מיר אז די **קינדער זאלן שוין נישט ברענגען קיין שום חמץ.** (בכלל דארפן קינדער קיינמאל נישט ברענגען קיין שום זאך אין חדר ווי די תקנה פארלאנגט.) כדי זיכער צו מאכן די זויבערקייט און אפצוהיטן די הגדות פון א משהו חמץ. **די הגדות ווערן טאקע געמאכט דא אין חדר מיט די גרעסטע זהירות און עס ווערט זייער שטארק אפגעהיטן.** איידער מען הייבט אן מיט די ארבייט וואשט מען אויף די גאנצע חדר מיט אלע קינדער צוזאמען. טאקע דעם קומענדיגן זונטאג אדער מאנטאג וועט מען שוין וואשן דעם חדר די טישן מיט די בענק **עס וועט זיין א מחי' וויש וואש** מיט שמאטעס און וואסער.

**סדר פון די ארבייט אויף די הגדות** נאר נאכן אינטערלייגן א ספעציעלן פסח'דיגן פלעסטיק אויפן טיש. אבער דאך איז אסאך גרינגער וויסנדיג אז אינעם גאנצן צימער איז נישט דא קיין ברעקלע חמץ. מיר געבן א יעדן טאג פאר די קינדער אין לאנטש רום פיינע פרישע און פולע מאלצייטן אז די קינדער זאלן עסן צו די זעט. מיר האפן אז איר פארשטייט די וויכטיגקייט דערפון און אננעמען די בקשה מיט א פארשטענדעניש. **בברכת ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא. אכי"ר**

## די חזרה אויף די אותיות פון כ-ע

**די שמחה התורה שטייגט** מער און מער א יעדן טאג וואס גייט פארביי. די קינדערגארטן כיתות האבן ב"ה די וואך אריין געארבייט אין דעם א"ב חזרה דעם צווייטן טייל. ווי עס איז געטון געווארן מיט די קינדער אויף פארשידענע אינטערסאנטע אופנים מיט א געשמאק דאס איבער חזר'ן די א"ב אותיות וואס מיר לערנען שוין פון אנפאנג יאר ביז אהער. א שיינע חזרה ביכל מיט וואס די קינדער זענען ב"ה שטארק פארנומען מיט גרויס הנאה. און נאך מער זענען די קינדער פארנומען געווען די וואך ספעציעל מיט די א"ב קארטלעך ווי די קינדער שפילן זיך ארום אויף פארשידענע וועגן מיט די א"ב קארטלעך.

**עס דארף** שטארק ארויס געברענגט ווערן אז די אלע א"ב ווערן איבערגעלערנט נאכאמאל און נאכאמאל, און אפילו קינדער וואס האבן במשך די ווינטער חדשים ביז יעצט נאכנישט אלעס אויפגעכאפט מיט א קלארקייט זעהן מיר יעדעס יאר אז ביים איבער לערנען ביי די חזרות און פון נאך פסח און ווייטער, כאפן זיך מיט נאך קינדער עס איז זייער פארשטעדליך א קינד ווערט רייפער און עלטער יעדע עטליכע חדשים מיט נאך אביסל.

**עס איז וויכטיג** אז עלטערן וואס שפירן אז זייער קינד דארף מער אויפמערקזאמקייט זאלן זיך ווענדן צום מלמד פון קינד אדער אריין רופן צום מנהל אין אפיס ווי עס וועט ווערן באגלייט מיט די גרעסטע אחריות וואס מעגליך.

**עס איז נישט ריכטיג** זיך צו מאכן אנגעצויגן מיט א זארג אויפן קינד אויף שפעטער, **עס איז אבער יא די צייט ריכטיג** זיך צו מאכן וויסענדיג, ווי מ'האלט מיטן קינד, אויב איז עפעס שייך ארויס צו העלפן. אמאל העלפט מען מיט מער מאל איבער גיין, און אמאל זעהט מען אז דאס קינד האט נאך שוועריקייטן וואס דארף ווערן אדרעסירט ריכטיג און גענוג פרי זעהן וואס מ'קען טון מיטן צוגרייטן זיך צו כיתה א' אז דאס לערנען זאל גיין גרינגער.

## די מיטוואך פלעי אין לאנטש רום "פרנסה פון הימל"

**די וואך** האט מען הערליך שיין אויפגעשפילט דעם שפיל פון די צווייטע מעשה מיט **דעם פריץ און זיין מאנקי**. וואס מ'פירט זיך צו פארציילן בעפאר פסח לויט די סגולה פון הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע איז דאס די וואך פארציילט געווארן פאר די קינדער אין חדר. דער שפיל איז אזוי מייסטערהאפטיג אהער געשטעלט געווארן דורך די כיתה פון **הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א** די קינדער האבן ספעציעל שיין מיטגעהאלטן מיט געשמאק און הנאה.

**די קרעטשמע** = ר' משה (יונה שמואל פיש) ווי די פריץ רופט אים מאשקע קומט אריין צו זיין שיינע קרעטשמע סטאר פיל מיט אלע מינע באטלעך ווין, ביר, ברוינפין, גרעיפ-דזשוס, קאפי, טיי, א.א.וו. מיט די שיינע בעכערס און גלעזלעך, גרייט צו פארקויפן פאר די מענטשן. מאשקע ווייזט פאר אלע קינדער אלע פיינע טרינקען, מיר זעהן זיינע העלפער'ס (אלעזר גראס, מנחם מענדל כהנא, שמואלי קלאגסברוין) זיי רוימען די גאנצע קרעטשמע סטאר מיט די בעזעמעס, עס הייבן שוין אן אריין קומען מענטשן צו קויפן פיינע ווין.

**מיר זעהן** ווי מענטשן קומען אריין (עזרא משה כאירה, אברהם מאיר לאקס, שמעון מארמארשטיין, יצחק קעסלער) זיי בעטן פון ר' מאשקע ווין מיט ביר און ברוינפין זיי טרינקען און טרינקען און ווערן שיכור, מאשקא טיילט אויס באטלעך פאר זיי אלע, מיר זעהן ווי זיי הייבן אן טאנצן און שפרינגען זיי מאכן שמוץ אויפן פלאהר זיי פאלן אראפ, מאשקא קומט און שרייט: **וואס גייט דא פאָר?** גייט'ס ארויס פון דא זיי ליגן דארט אויפן פלאר, ווי שיכורים. מאשקע רופט די פאליס, (יעקב הירש, נחום מאשקאוויטש, חיים ווערצבערגער) די פאליס קומען אריין, זיי העלפן ארויס טראגן די שיכורים. די העלפער'ס קומען און רוימען אויף די גאנצע קרעטשמע, זיי מאכן שוין גרייט די סטאר אז דער פריץ זאל קענען אריין קומען. נאכדעם זעהן מיר ווי דער פריץ (שלום יוסף בערנשטיין) קומט אן מיט זיינע באדינער פאליס (ליפא גאלדבערגער, אברהם גאלדבערג) זיי קומען אריין צו די קרעטשמע און מאשקע גיבט פארן פריץ א שיינע בענקל מיט א שיינע טאץ פון עטליכע בעכער'ס מיט אלע גוטע טרינקען.

**נאכדעם הערן מיר** ווי דער פריץ פרעגט פון מאשקע: ווער גיבט דיר דא אלע ווין מיט אלע געלט?? ענטפערט ר' משה "**ברוך השם דער הייליגער באשעפער גיבט מיר אייביג אלעס, וואס איך דארף, וויפיל איך דארף און ווען איך דארף**" מיר זעהן ווי דער פריץ ווערט בארעגט ער הייבט אן שרייען **וואס!!? ווער!!?** אלעס איז דאך מיינס!!! איך גיב דיר אלעס! מיר הערן ווי דער פריץ הייסט פאר די באדינער פאליציי שוין ארויס ווארפן מאשקע און צו שפארן דעם קרעטשמע מיט דעם נייעם שלאס.

**מיר זעהן** ווי ר' משה מיט זיין גאנצע משפחה (אברהם חיים כאירה, יודא כהן, זיסא ארי' לעבאוויטש, ישכר בערצי רוטה, יצחק פריעד,אהרן עקשטיין) זיי זענען אינדערהיים און בעטן צום הייליגן באשעפער זיי דאווענען מיט א תהילים.

**נאכדעם זעהן מיר** דעם פריץ זיצט אין הויז מיט זיינע באדינער און די מאנקי (יוסף יושע ווידער) שטייט ביי די זייט אויפן טיש און אלעס וואס דער פריץ בעט פון די מאנקי ברענגט ער שנעל, דער פריץ הייבט אן ציילן זיינע געלט, זעהן מיר ווי ער לייגט די געלט לעבן די ציין דערנאך אריין אין גרויסן שיסל. אויך די מאנקי שטייט דארט און קוקט זיך צו צום פריץ, די מאנקי האט אונז געמאכט פריילך.. שפעטער ווערט דער פריץ מיד און גייט אין זיין בעט

## מעסעדזש פון מנהל!

### מען פיהלט דעם יום טוב אין די לופט...

**אזוי ווי די קינדער וועלן שוין אי"ה אנהייבן צו מאכן די הגדות די קומענדיגע וואך, בעטן מיר אז די קינדער זאלן נישט ברענגען קיין שום חמץ. כדי זיכער צו מאכן די זויבערקייט און אפצוהיטן די הגדות פון א משהו חמץ. די הגדות ווערן טאקע געמאכט דא אין חדר מיט די גרעסטע זהירות און עס ווערט זייער שטארק אפגעהיטן. מען ארבייט דערויף נאר נאכן איבערדעקן דעם טיש מיט א ספעציעלן פסח'דיגן פלעסטיק. אבער דאך איז אסאך גרינגער וויסנדיג אז אינעם גאנצן צימער איז נישט דא קיין ברעקל חמץ. מיר האפן אז איר פארשטייט די וויכטיגקייט דערפון און אננעמען דעם פאראָרדענונג מיט פארשטענדעניש. בברכת ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא. אכי"ר**

שלאפן, די מאנקי העלפט איהם אזוי שיין, דער פריץ הייסט איהם אוועק לייגן זיין שיינעם פריץ היט מיט זיינע גלעזער, ער ברענגט זיין דאכענע מיט זיין קישן.

**מיר זעהן** ווי די מאנקי גייט צום טיש און טאנצט ארויף אויפן פריץ'ס בענקל און נעמט זיך צום שיסל פון די געלט ער הייבט אן צו אויפעסן די גאלדענע געלט ווייל ער האט אזוי געזעהן אז די פריץ לייגט די געלט אין מויל ביי זיין ציין, אזוי עסט ער איינס נאך איינס, ביז מיר זעהן ווי די מאנקי ווערט דערשטיקט און פאלט אראפ אויפן פלאר א טויטע מאנקי. דער פריץ שטייט אויף און רופט די מאנקי ער שרייט: **מאנקי... מאנקי... אלע קינדער צוזאמען שרייען מאנקי...** אבער קיינער ענטפערט נישט ווייל..... דער פריץ מיט די באדינער קומען זיי זוכן און טרעפן א טויטע מאנקי דער פריץ הייבט אן וויינען אוי אוי מאנקי וואס איז געשעהן מיט דיר. דער פריץ טראכט יעצט צו טוהן א שלעכטע זאך פאר מאשקע.

**דער פריץ באפעלט** די באדינער זאלן אריין לייגן די טויטע מאנקי אין א שווארצע גארביטש בעג און הייסט פאר די באדינער זאלן דאס טראגן מיט זיין וואגאן, און אריין ווארפן צו מאשקעס הויז. דער בעל עגלה דער דרייווער פונעם וואגאן (שמעון מארמארשטיין) נעמט די שווארצע בעג מיט'ן מאנקי אויפן וואגאן און מ'פארט צו מאשקע'ס הויז.

**מיר זעהן** ביי ר' משה'ס הויז די אינגל'ער זיי שלאפן ביינאכט, און פלוצלינג הערט מען א קראך... די קינדער וועקן זיך אויף מיט זייער טאטע, זיי זענען זייער דערשראקן, די טאטע קוקט און זעהט דארט דעם שווארצן בעג וואס איז יעצט אריין געפלויגן ער קוקט אריין און זעהט דארט דעם טויטן מאנקי, ער הייבט דאס אן ארויס צו קערן מיט א בעזעם אבער ער זעהט דארט איז אויך דא זייער אסאך גאלדענע געלט. **ר' משה שרייט אויס הויעך ב"ה** אז יעצט איז ער געווארן א עושר ער איז זייער רייך, אלע זיינע קינדער האבן געהאלפן צוזאם נעמען די געלט, און יעצט האט ר' משה

## א ווארימע ניגון

**די וואך** האבן מיר געזינגען **לכבוד חודש ניסן** דעם באקאנטן ניגון **"ווען עס קומט חודש ניסן"** מ'האט גערעדט צו די קינדער איבער דעם קרבן פסח און שיין געזינגען מיט זיי דעם ווארימען ניגון. די קינדער זינגען דאס זייער שיין **מ'קען דאס הערן אויפן טעלפון ביים שער הנגינה אפטיילונג דורכן אריין רופן 718 407-7460 #1/5/6 הערט'ס און האט'ס הנאה.**

**שוין געקענט איינקויפן פאר יום טוב פסח מצות און ווין מיט אלע גוטע זאכן א גאנצע סדר טיש** און אויך פאר אלע קינדער נייע קליידער און שיינע זאכן. יעצט האבן מיר שוין אלע געזעהן אז נאר דער באשעפער גיבט טאקע די געלט פאר ר' משה.

### א סדר טיש ווערט צוגעגרייט!!

עטליכע מלמדים מיט א פלייסיגקייט גרייטן צו א סדר טיש מיט אלע הערליכע צוגעהערן ווי עס פאסט זיך פאר דעם נייעם עושר ר' משה... עס זינגט אינטער אלע פסח ניגונים עס שפירט זיך אזא פיינע פסח לופט....

**מיר זעהן שוין** גרייט א גאנצע סדר טיש די מצה טאשן מיט די בעכערס, א שיינע קערה מיט שיינע לייכטער אויפן הערליך געדעקטן סדר טיש, א שיינע גרויסע כוס של אליהו הנביא.. א.א.וו. די טאטע (אלטער פארגעס) זעצט זיך צום שיינעם סדר טיש מיט א קיטל און די שיינע קישן ביי די זייט, אויך די מאמע (חיים פוקס) צינדט די ליכט.. און ארום דעם טיש די וואוילע קינדער מיר הערן ווי מ'זאגט שיין **קדש ורחץ כרפס.** מיר זעהן די מצות, די כרפס רעטאך, די מרור. אלע קינדער זאגן שיין צוזאמען **קדש** ווען די טאטע... **ורחץ** מען וואשט זיך... **כרפס** מ'נעמט א שטיקעלע.. **מה נשתנה....**

## ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**ישראל שלום סאנדער, אלי' חיים בראך, דוד הכהן ג'ברא, חיים דייטש, שמעון מאשקאוויטש**

**יעקב אהרן קליין.**

**פלוצלינג** קומט אן דער פריץ (שלמה מאסרי) מיט זיינע באדינער, ער קוקט אריין אין מאשקע'ס הויז און וואונדערט זיך פון ווי האט ער געהאט דאס געלט פאר אזא שיינע סדר טיש?? ער קומט אריין יא! דער פריץ איז דא!! די טאטע פרעגט: וואס וויל יעצט דער פריץ.. מיר זעהן ווי דער פריץ קומט אריין און פרעגט פון מאשקע: **פון ווי האסטו געהאט די געלט פאר פסח?** ענטפערט ר' משה **ברוך השם דער באשעפער גיבט מיר אייביג אלעס.** פארציילט אים ר' מאשקע פון די טויטע מאנקי. זאגט דער פריץ הויעך: **יא יא! יעצט זעהט ער שוין טאקע אז דער באשעפער גיבט אים אייביג די געלט. אפילו פון זיין מאנקי אויך...** וואס פון דעם האט ער טאקע געהאט אסאך געלט פאר פסח.

## פרישטאג מעשה פארענדיגט

**נאך א שיינע מעשה האט הרב יואל טויב שליט"א אונז פארענדיגט די וואך.**

די וואך האבן מיר שוין פארענדיגט די שיינע מעשה וואס איז געווען ביים **הייליגן צדיק ר"ר אלימלך פון ליזענסק זי"ע ועכי"א** וואס מיר האבן אזוי שיין מיטגעהאלטן אין לאנטש רום ביי פרישטאג. די מעשה האט מען שוין אנגעהויבן צו פארציילן פארגאנגענע וואכן לכבוד די יארצייט און שיין צוענדיגט די וואך. מיר הערן איבער הייליגע צדיקים וואס זענען געגאנגען אין וועג. די נאמען פון די מעשה איז **"דער איינגעזינקענער וואגן"** ווי דער

**צדיק ר' דוד'ל לעלובער זי"ע** וויל פארן צו זיין הייליגן רבי'ן ר"ר אלימלך פון ליזענסק און טרעפט אן א רייכער מענטש מיט א שיינעם וואגן דער רייכער מענטש נעמט אריין דעם צדיק, אזוי אפען וועג האט דער רייכער מענטש אביסל חוזק געמאכט פון דעם הייליג'ן צדיק.

**שפעטער** ווען דער רייכער איד מיט דעם צדיק ר'דוד'ל לעלובער זי"ע זענען אנגעקומען קיין ליזענסק האט דער רייכער איד געזעהן ווי די מענטשן דארט זענען זייער מכבד דעם צדיק ר' דוד'ל האט ער זייער חרטה געהאט און אים איבערגעבעטן ער זאל אים מוחל זיין ווייל ער האט אים פריער

פארשעמט, דער צדיק ר' דוד'ל האט אים געזאגט יא ער וועט אים מוחל זיין אבער אז ער וועט הערן אינמיטן וועג אז איינער שרייט זאל ער אים שנעל גיין העלפען,

**אזוי איז טאקע געווען** אינמיטן וועג האט איינער געשריגן, און דאס איז געווען דער פריץ דער איד האט אים שנעל געהאלפן און דער פריץ האט זיך זייער שיין באדאנקט, אבער דער איד האט גארנישט געוואלט נעמען פון דעם פריץ. א צייט שפעטער איז דער איד געווארן זייער ארעם און דער פריץ האט אים איינמאל געטראפן און געגעבן אסאך געלט.. דער צדיק'ל ר' דוד'ל זי"ע האט פארציילט פאר דעם איד אז דעלמאטס ווען ער איז געווען ביים הייליגן צדיק ר"ר אלימלך זצ"ל האבן זיי אויסגעבעטן אז ער זאל צוריק קענען רייך ווערן זי"ע ועכי"א.

**די קינדערגארטן מיט די פרי קינדערגארטן קלאסן וואס האלטן מיט די מעשה האבן אהיים געטראגן א צעטיל מיט די בילדער פון די מעשה כדי דאס צו קענען איבערדערציילן.**

## חכמה'לעך

ווען **חיים** האט געזעהן מאמ'ס קענדיס אויפן טיש האט ער געפרעגט אויב דעי קענדיס הייסט ענדע מם'ס...

ווען מען האט געפרעגט **שלמה** אויף מען האט געשפריצט פון די פרה אדומה? האט ער געזאגט אויף א טמא'נע גוי.. אויף א איד קען מען נישט שפריצן ווייל א איד איז נישט טמא, א איד איז הייליג...

ווען מען האט געפרעגט **אלימלך** וואס מען האט געטוהן מיט די פרה אדומה? האט ער געזאגט, מ'האט עס געקאלירט...

ווען מען האט געזאגט פאר **חזקי** אז המן הרשע איז שוין אוועק געגאנגען און ס'גייט קומען א אנדערע רשע - פרעה הרשע מיט די מכות אויף פסח, פרעגט ער: פארוואס קומט ער צוריק?...

**שלו'** האט געזעהן זיין טאטע דאווענט שמונה עשרה מיט צוגעמאכטע אויגן האט ער געזאגט פאר זיין טאטע: בעט די באשעפער אז איך זאל אויפוואקסן א גרויסער תלמיד חכם און א ערליכער איד...

ווען **משי'ס** טאטע האט שבת צופרי געמאכט קידוש אויף ברוינפין, האט יאנקי געזאגט אז עכט איז עס וואסער.. און נישט ברוינפין...

ווען **אליעזר** האט שבת צוזאם גענומען אלע גליונות און צעטליך פון בית המדרש און דאס געוואלט אהיים טראגן האט איהם זיין טאטע געזאגט אז עס איז פאר פסח און ער זאל דאס נישט אהיים טראגן! האט זיך משה אליעזר אנגערופן: וואס איז? עס איז נישט קיין חמץ! מען מעג...

ווען **לייבי** איז געווען אויף שבת ביי זיין זיידע'ס הויז ווייל זיין טאטע איז אוועק געפארן קיין ליזענסק אויפן ציון פון רבין רבי אלימלך, האט איהם זיין זיידע געפרעגט פארוואס ער איז נישט מיטגעפארן מיט זיין טאטע אויף ליזענסק? האט ער גע'ענטפערט אז ער האט זייער ליב חדר און ער "מיז" יעדן טאג גיין... ער קען נישט פארן אויף ליזענסק!...

**נייעס ליין שער הנגינה**

**געוועגדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

ווען **שלום** האט איבערגעזאגט אינדערהיים פאר זיין מאמע די סימני הסדר פון "קדש ורחץ" וואס מען לערנט אין חדר זייער שיין, האט איהם זיין מאמע געזאגט אז ער קען זייער פיין "קדש ורחץ" ! רופט זיך שמעון אָן: אז זיין רבי'ס טעיפ קען עס אויך זייער גוט...

ווען **זלמי** האט געזעהן א בילד פון א קוה האט ער געזאגט: אהּ יא דאס איז די רויטע קוה פון פרה אדומה אזוי ווי "כי" תשא...

ווען זיידי האט געקאלט מאמי אויפן טעלעפאן און **שלום** האט אויפגעהויבן האט איהם זיידי געפרעגט וואסמאכסטו שלום? האט מאמי צוגעהאלפן שלום צו ענטפערן: ברוך (השם) אבער שלום האט געענטפערט ברוך אתה...

## וואס הערט זיך ביי די נוירסערי כיתות

**די וואך** האבן מיר שיין געלערנט אביסל פון די סדרה און פון **מוצאי שבת און פון שבת החודש.** ווי מיר הערן זיך אזוי שיין צו וואס מיין רבי דערציילט.

אויך האבן מיר זיך צוגעהערט צו די הייליגע **מעשה פון דעם פריץ מיטן מאנקי אזוי אינטערסאנט** ווי דער באשעפער העלפט דעם איד און ווי דער מאנקי אנגעפילט מיט געלט קומט צו פליען צו זיין הויז...

**אויך האבן מיר מיטגעהאלטן** דעם שיינעם מיטוואך שפיל פון די מאנקי מעשה דאס האט אונז געהאלטן אזוי געשפאנט ווייל אלע קינדער האבן זייער ליב די מעשה מיטן מאנקי און די פריץ.. (זעה בילדער)

**אויך האבן מיר שיין באגריסט** די נייע קינדער וואס די וואך אריין געקומען. און הערליך שיין אויפגענומען מיט א שמחה די חברים וואס האבן באקומען פיאות און געקומען לערנען די הייליגע א"ב. דער אויבערשטער זאל העלפן אז ביי אלע אידן זאל נאר פרייליך זיין. שטענדיג מיט הייליגע נחת.

# אפוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוואוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

## ספעציעלע ווענדונג פון הנהלת המוסדות אין די צייט פון איינקויפן מלבושים

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

**אזוי ווי** יעצט איז די צייט ווען מען הייבט אן איינצוקויפן די מלבושים פארן זומער סעזאן איז דאס א דבר בעתו אויסצושמועסן מיט די עלטערן גענוג צייטליך איידער מען קויפט איין פאר א קינד די מלבושים בשעטומ"צ, א יעדע צייט אין יאר ברענגט מיט זיך אירע פראבלעמען, ע"כ ווילן מיר מיט אייך איבערשמועסן וואס איז וויכטיג פאר יעדן צייט אין יאר בכלל און יעצט בפרט.

**צום ערשט** נעמט אין אכט ווען איר שיקט א קינד אין חדר אים צוגעבן דעם חינוך הטהור, אמונה בד', זיך אויס צו לערנען, געטריישאפט צו די הייליגע תורה און צו ערליכקייט, דארפן מיר וויסן גוט, וואס איז וויכטיג צום ערשט, **צו שטיין ווייט פונעם גוי ווייט פון די גאס מיט אירע מאדעס** און אנשיקענישן א.א.וו.

**ווען א קינד** קומט אין תלמוד תורה צו הערן און מקבל זיין פון א רבי תורה, ערליכקייט, מצות ד', מדות טובות, הלכות וענינים אלעס פון די הייליגע תורה, דארף דאס באגלייט ווערן מיט א ציל פון שטוב צו ערליכקייט. אזוי האפט מען אז די הייליגע זאכן וואס מען לערנט מיט די קינדער זאל האבן א פלאץ ביים קינד ווי זיך אנצוקלעבן, אבער דאס קען נאר זיין ווען דעם קינד'ס עלטערן האבן דעם זעלבן ציל. מיר זענען זיכער אז א טאטע - מאמע וואס זענען מתפלל שטענדיג צו גוטע ערליכע וואוילע קינדער וועלן גאר גוט פארשטיין אונזער פארלאנג אן קיין צוויפל.

**דאס פלאץ** ווי מען זעהט טאקע אן אויף א קינד, וואס איז דער ציל פון זיין שטוב, איז ביי די מלבושים מיט וואס א קינד גייט **אנגעטוהן**, ע"פ רוב איז ב"ה דאס נישט קיין פראבלעם מיט וואס מען דארף זיין פארנומען עס איז אבער דא א קליינע צאל פון קינדער וואס שרייען ארויס פון דערוויטעטנס: מיין לבוש שרייט ארויס פון זיך עפעס אנדערש וואס מען לערנט אין חדר הגם דאס איז א תקנה פון הנהלת המוסדות וואס א יעדע טאטע מאמע האבן דאס שוין אונטערגעשריבן ווי עס שטייט ארויס זייער קלאר דערוועגן, אבער ליידער די יחידים וואס פארשטייען נישט קיינמאל, וויסן נישט קיינמאל פונקטליך וואס מען רעדט, דאס ברענגט אז מען דארף שרייבן און בעטן נאכאמאל.

**עס פרעגט זיך** אבער זייער קלאר צו דארף מען מסביר זיין אז א העמד מיט אויפשריפטן אדער נומערן דערויף איז נישט אידיש'לעך- נישט איידל? צו דענים הויזן אדער דענים לוק איז עכט גוי'איש אדער שמאלע הויזן וואס קלעבן אויף די פיס (מיידעלישע מאדערנע הויזן Leggings) איז דאס איידל? איז דאס ערליכע מלבושים? שוין ווי געשריבן פאראגאנגענע וואך האט די הנהלה אראפגעשטעלט יסודות און תקנות המוסד ווי אזוי א קינד וואס לערנט צווישן די ווענט פון אונזערע מוסדות דארפן גיין אנגעטוהן.

**מיט אזעלכע מלבושים** מיט וואס דער גוי גייט דארף דאס קינד זאגן, **תורה צוה לנו משה... שמע בני מוסר אביך.. אל תטוש תורת אמך..** עס שרייבט זיך מיט וויטאג אז מען דארף בכלל רעדן דערפון אין אזא הייליגן מוסד און מען דארף נאכאמאל און נאכאמאל איבערזאגן אזעלכע פשוט'ע זאכן מיט וואס א אידיש קינד וואקסט אויף אז א איד גייט נישט אנגעטוהן ווי א גוי חלילה! מען כאפט זיך נישט און מען פארקויפט זיך פאר אפאר דאלער מען קויפט די סארט קליידונג ביי די גוי'שע דעפארטמענט סטאר'ס פאר אביסל ביליגער וואס דארט פארקויפט מען די קליידונג מיט אויפשריפטן מען קען דארטן אויך טרעפן קליידונג אן אויפשריפטן און מיט אביסל אריינטראכטן און האבן פאר די אויגן בשעת'ן קויפן, אז א איד גייט נישט מיט א מלבוש פונעם גוי וואלט מען דאס נישט געקויפט און אוודאי נישט אנגעטון פאר אן ערליך אידיש קינד.

**אויך איז דא** א שוואכקייט איבער די קאלירן פון די שיך. מטעם הנהלת המוסד איז נישט ערלויבט צו קומען אין חדר מיט קיין שום קאליר שיך **נאר מיט שווארץ אדער טונקל בלוי,** דאס זעלבע איז ביי שיך, סניקער'ס, סענדל'ס!!! מיר ווייסן אלע דאס ווארט "דאס וואס די קאסטומער'ס זוכן דאס האבן די געשעפטן"... אזוי אויך איז איבעריג צו רעדן פון בליטשקעדיגע לעמפעלעך אויפן שיך א.ד.ג.

**און צום לעצט** דארפן מיר ארויס ברענגען איבער א מין סענדל'ס וואס איז איינגאנצן אפן פון פארענט וואס עלטערן מאכן זייערע קינדער'לעך אומ'גליק'ליך, איר מאכט שווערער פארן קינד זיינע טריט, אויסער דעם וואס עס איז נישט אויסגעהאלטן לויט די תקנות, אז עס דארף זיין ווי מער צוגעמאכט, איז דאס אויך א פראבלעם אז עס פאלט ארויס פון די פיס כסדר, עס גליטשט זיך ארויף ווען די קינדער לויפן אדער גייען סטעפ'ס, און עס קומט ח"ו צו א סכנה ממש זיי פאלן אראפ אדער די פיסעלעך ווערן געשעדיגט. עס איז קוים קוים וואס ער האלט זיין באלאנס צו גיין – לויפן - סטעפס

ארויף און אראפ, צו אין חדר אדער אין א פארק, טוט מען אן אזעלכע אפענע סענדל'ס וואס דאס קינד קומט א יעדע צען מינוט אין טאג ווייזן פאר זיין רבי'ן מען דארף דאס פיקסן ווייל ס'איז אים ארויס געפאלן פון די פיס, מיר האלטן דאס נעבעך מיט טעגליך ווי די אומ'גליק'ליכע קינדער זענען אומבאאקוועם אום באלאנסירט ביים אראפ גיין די טרעפ, ער קען נישט גיין ביים ארויף קומען, ער קען נישט גיין ביים לויפן אין הויף אדער אין פארק אויף די פרישע לופט ווייל זיין מאמע האט אים געמאכט אומגליקליך מיט א נייע סענדל.

**דעריבער** ווילן מיר זייער בעטן ווען מען קויפט פאר א קינד סיי וואס אימער און ער וועט קומען דערמיט אין חדר, זאל מען קודם זיכער מאכן אז עס איז איינשטימיג לויט די תקנות.

**"דער קאליר"** – נאר שווארץ אדער טונקל בלוי, אן א גלאנץ.

**"דער סטייל"** – נישט אויפפאלענד. און אוודאי עס זאל זיין צום נוצן "פארן קינד" לויט זיין באקוועמליכקייט און סעיפטי'...

אויפן תקנות צעטל שטייט קלאר ארויס **"סענדל'ס וואס מער פארמאכט"**.

**צום שלוס** ווילן מיר מאכן א סך הכל, ווען מען שיקט א קינד אין חדר דארף זייערע מלבושים זיין 100% אויסגעהאלטן **לויט די תקנות המוסד**. סוף כל סוף זענען דאך די חשוב'ע מאמעס די וואס האבן נאך פארשטאנען אין מצרים דעם **"שלא שינו את לבושם"**. מלמד שהיו ישראל **מצוינים שם**, מען האט דערקענט אויפן לבוש אז דאס איז א אידיש קינד אז זיי זענען אנדערש פונעם גוי, **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים** און בזכותם וועלן מיר האפענטליך בעז"ה בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות אויך.

**על כן** טוהן מיר שטארק אויפפאדערן די חשובע עלטערן, קיין איינע פון די סארט "גויאישע מלבושים" האט נישט קיין פלאץ ביי אונז אין מוסד, מיר פלאגן זיך אזוי שטארק מחנך צו זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא, אויף דעם ערליכן אויסגעטראטענעם וועג מיט דעם חסידישן חן. מיר דארפן געדענקען נישט צו מאכן אונזערע קינדער אנדערש פון דעם איד. אזוי אויך ביי שיך סענדל'ס עס זאל זיין באקוועם אויפן קינד נישט דאס פארקערטע. מיר וועלן דאס שטארק אינפארסירן. העמדער מיט שריפטן, שמאלע הויזן, דענים הויזעלעך, אויפפאלענדע קאלירן שיך, סניקער'ס, סענדל'ס, און די אפענע אומפארזיכערטע סענדל'ס.

**ספעציעל דעם יאר ווען עס איז ערשינען ב"ה די נייע לעיבל פון "לבושי כבוד" וואס העלפט זייער אסאך ארויס אז עלטערן זאלן האבן וואס און ווי איינצוקויפן ערליכע מלבושים וואס איז אויסגעהאלטן פאר ערליכע חסידישע קינדער צו גיין.**

**מיר קוקן שטארק ארויס** און ערווארטן א זיכערע קאפעראציע פון "אלע" עלטערן אין דעם הינזיכט פאר די טובה פון אונזערע טייערע קינדערלעך. איידער מ'גייט איינקויפן עפעס אנצוטוהן פאר די קינדערלעך, זאל מען האלטן פאר די אויגן אז בזכות זה וואס מ'האלט זיך פעסט אין די דרכי אבותינו ואמותינו. און אז בזכות זה וועט דער בורא כל עולמים העלפן אלע עלטערן אונזערע שותפים אין חינוך הבנים מיט אונז אינאיינעם אז מיר וועלן אלע אינאיינעם זוכה זיין צו זעהן נחת פון אונזערע קינדער ערליכע באַחנ'טע קינדער מיט א אידיש הארץ מיט ליבשאפט צו ערליכקייט און אהבת התורה געזונט און נחת פון אלע קינדער מתוך הרחבת הדעת צוזאמען מיט אלע גוטע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות ביז מיר וועלן אנטקעגן גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו ומלכינו בראשינו אכי"ר

**בכבוד הראוי, הנהלה**

## קאפיע פון די תקנות המוסד וואס עלטערן שרייבן אינטער בנוגע קליידונג

דאס קינד דארף גיין אנגעטוהן ווי ס'פאסט זיך פאר א חסידיש אינגל, ארענטליך, מיט א פשטות, נישט אויפפאלענד, און אוודאי נישט גיין לויט די פארשידענע סטייל'ס. ווי צב"ש:

- קאפל - די קאפל זאל זיין גענוג גרויס ס'זאל גוט איבערדעקן דעם קאפ, און אן קיין שום אויפשריפטן/סימבאלן דערויף.
- העמד\הויזן - די קאליד פון די הויזן זאל נישט זיין: ליכטיג, צו denim אדער denim look, און ס'זאל זיין גענוג ברייט.
- די העמד זאל נישט האבן אויף זיך קיין שום ענגלישע אויפשריפטן אדער נומבער'ס, די העמד זאל נישט זיין אינדרויסן פון די הויזן.
- הויזן טראגער/פאסיק - זאל זיין נאר א פשוט'ע און נישט צ.ב. א באקל פאסיק, אדער מיט אויפשריפטן/סימבאלן א.ד.ג.
- זאקן: א קינד טאר נישט קומען אין חדר אן קיין זאקן.
- שיך/סניקערס/סענדלס - נאר שווארץ אדער טונקל בלוי. סאנדלס דארף זיין וואס מער פארמאכט פון אלע זייטן (ווי א שיך).
- שבת ויו"ט - שבת און יו"ט דארף די לבוש זיין אזוי ווי מ'האט זיך געפירט ביי אונז מקדמת דנא, ווצב"ש מיט א ווייסע העמד א.א.וו.

הוספה בנוגע די הויזן: (אדר תשע"ז)

- די הויזן זאלן זיין פשוט'ע נישט קיין סטייליש'ע.
- ס'איז ערלויבט אנצוטאן נאר די הויזענ'ס וואס האבן א Full Crutch
- אוודאי איז נישט ערלויבט צו גיין מיט קיין Leggings הויזענ'ס.
- ווי אויך זאל די סחורה פון די הויזן זיין נאר פון איידעלע און נישט פון אויפאלענדע קאלירן.

דאס אלעס איז גילטיג סיי ביי די וואכענדיגע הויזן און סיי ביי די שבת'דיגע הויזן.

# מזל טוב וואונטשן

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה

**הרב יואל הכהן כהנא שליט"א**

**לכבוד די געבורט פון זיין אינגל**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן און זוכה זיין איהם צו אויפציען לתורה ולחופה ולמעשים טובים בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג ווייטער זעהן רב שמחה תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און תלמידים מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

### פערזענליכע איינלאדענונג

מיט כבוד און פארגעניגן טוהן מיר אייך פערזענליך איינלאדענען
אונזערע גוטע פריינד זיך צו באטייליגן
ביי די **שלום זכר** דעם פרייטאג צונאכטס - שבת קודש פ' פקודי - החודש
**ביי מיר אינדערהיים** 456 פלאשינג עוו. צווישן בעדפארד און ספענסער סט.
מיר ערווארטן אייך צו באגריסן מיט שמחה און געבענטשט ווערן פון אייך מיט ברכות בטיב לבב

**יואל הכהן כהנא**

## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער לאנג יעריגער מלמד ה"ה

**הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל

**א אינגל ביי זיין איידעם האברך המפואר כליל המעלות כש"ת**

**הרב יואל הכהן כהנא שליט"א**

מחשובי המלמדים במוסדותינו הק'

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער באשעפער זאל העלפן אז דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

**די שלום זכר וועט אי"ה פארקומען**

דעם פרייטאג צונאכטס - שבת קודש פ' פקודי החודש

ביי מיין איידעם אינדערהיים 456 פלאשינג עוו.
צווישן בעדפארד און ספענסער סט.

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה

**הרב יואל כאירה שליט"א**

**לכבוד זיין אריבער ציען צו זיין נייע דירה**
**אין א מזל'דיגע שעה**

דער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א גוטע ישוב עס זאל זיין חן המקום על יושביה און איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

גם אנו מצטרפים לברכה מעומק הלב:

ישעי' יצחק הכהן רובין - מנהל, אליעזר צבי הכהן כ"ץ – סגן מנהל

## ברכת מזל טוב וצאתכם לשלו'

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה

**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**

**לכבוד זיין אריבער ציען צו זיין נייע דירה**
**קיין קרית יואל אין א מזל'דיגע שעה**

דער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א גוטע ישוב עס זאל זיין חן העיר על יושביה און איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

גם אנו מצטרפים לברכה מעומק הלב:

ישעי' יצחק הכהן רובין - מנהל, אליעזר צבי הכהן כ"ץ – סגן מנהל

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מיטארבייטער

**הרב יודא טרייטל פרענקל שליט"א**

צו די שמחה פון זיין אייניקל'ס אפשערן

**ה"ה הילד כמר חיים מאיר פרענקל ני"ו**

ביי זיין זון האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה ישראל יוסף פרענקל הי"ו**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה

**הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א**

צו די שמחה פון זיין אייניקל'ס אפשערן

**ה"ה הילד כמר הערש הלוי בערגער ני"ו**

ביי זיין זון האברך היקר והמפואר תמים למעלות כש"ת

**מו"ה דוד הלוי בערגער הי"ו**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**נתן צבי** בן הרב ליפא **בערגער** נ"י
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יעקב** ב"ר שמואל **דייטש** נ"י
לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**לייביש** ב"ר חיים הערש **יאקאבאוויטש** נ"י
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם** ב"ר שמואל יודא **גאלדבערג** נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שלמה אליעזר** בן הרב מרדכי מאיר בער **גליק** נ"י
לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז קיין קרית יואל
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה חיים** ב"ר יואל ברמ"ר **ווייסשטיין** נ"י
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**נחמן** בן הרב שלמה **כהנא** נ"י
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אליעזר** ב"ר יעקב **פאלקאוויטש** נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מרדכי** ב"ר יואל ב"ר הערשל **קאהן** נ"י
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מרדכי** ב"ר יואל ב"ר הערשל **קאהן** נ"י
לכבוד זיין ברודערס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**נחמי'** ב"ר דוד **הירש** נ"י
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישראל חיים** ב"ר יואל שלום **שאפפער** נ"י
לכבוד זיין ברודער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישעי'** ב"ר אפרים צבי **גלאזער** נ"י
לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כהנא שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מאיר הערש** בן הרב מרדכי יוסף **ווייסמאנדל** נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כהנא שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**בערל** ב"ר אלימלך **צוויבל** נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**בנימין** ב"ר יצחק דניאל **ג'ברא** נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישראל שלום** ב"ר חיים הערש **סאנדער** נ"י
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם יצחק** ב"ר דוד **הירש** נ"י
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א
הרב יחיאל שטעסל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה** בן הרב שמעון ישראל **שטיינמעץ** נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יעקב יצחק אלחנן** בן הרה"ג חיים אהרן **אונגאר** נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם נחמי'** ב"ר אהרן **ווייס** נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר אשר יונה ברי"א ווייסמאן נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה בן הרב יואל אלימלך מייזליש נ"ו**
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א**
**הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה בן הרה"ג זלמן לייב טייטלבוים נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון ב"ר יואל ברד"ר דאנא נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**הערשל ב"ר לייבוש פרענקל נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יחזקאל ב"ר אלכסנדר דוד ראטה נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם דוד ב"ר יצחק דניאל ג'ברא נ"ו**
**לכבוד זיין ברודערס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל טויב שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל אליעזר זאב ב"ר חיים מייזעלס נ"ו**
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל טויב שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מענדי בן הרב יואל ב"ר אהרן כהנא נ"ו**
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב חיים לייפער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**דוד חיים ב"ר אהרן הערש לעבאוויטש נ"ו**
**לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שלמה ניסן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**בערל ב"ר אפרים משה גראס נ"ו**
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלום יצחק ב"ר אהרן שעהר נ"ו**
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יודא לייב פוקס שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יושע העשיל ב"ר יואל בר"ב גלאנץ נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**
**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישראל משה שמעון ב"ר בערל לאנדא נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**
**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מאיר לייב ב"ר שמעי' פריעדמאן נ"ו**
**לכבוד די געבורט פון א פלומעניק**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה יוסף ב"ר אלימלך בראך נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יעקב הערש ב"ר אשר אנשיל פריעדמאן נ"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק ב"ר אהרן הערש לעבאוויטש נ"ו**
**לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג




שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קריי"ש ליינען – וואכנאכט,** א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה,** אדער **חברת תהלים,** סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.




**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**